ואתחנן תשפ"ב
גליון 105

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אַ גוּטְן שַׁבָּת פַּאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

דָאס מָאל טַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען מִיר אַרָאפּ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַ קְלֵיין תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשׁ וָוארְט בַּיי וָוארְט:

"וָאֶתְחַנַּן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אִין יֶענֶע צַייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן". זָאגְט דֶער הַיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי: "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גְרוֹיסְן דְּבֵקוּת, אָבֶּער צוּמָאל אִיז דָא אַ צַייט וָואס עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט דְּבֵקוּת, זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן, 'אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דַאוֶוענֶען', וִויבַּאלְד עֶר קֶען נִישְׁט אִינְזִינֶען אוּן הָאט נִישְׁט קֵיין דְּבֵקוּת וְוִי מְ'דַארְף, אַזוֹי וְוִי רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז, 'אוֹיף רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט וְכוּ' הָאט עֶר צוּ זַיי גֶעזָאגְט אוֹיבּ דִי תְּפִלָּה אִיז פְּלִיסִיג [קְלָאר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט] פוּן מַיין מוֹיל וֵוייס אִיךְ אַז מְ'הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֵוייס אִיךְ פַּארְקֶערְט'."




זָאגְט וַוייטֶער דֶער רֶבִּי: "אִם בִּדְבֵקוּת, אַז דִי תְּפִלָּה אִיז קְלָאר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן מוֹיל, דַאן וֶוערְט עֶס אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ נִישְׁט אִיז חַס וְשָׁלוֹם פַּארְקֶערְט. אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם, זָאל אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי, נָאר עֶר זָאל אַלֶעמָאל דַאוֶוענֶען. אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען מִיט אַ דְּבֵקוּת, זָאל עֶר דַאוֶוענֶען מִיט זַיין גַאנְצְן כֹּחַ, וַוייל וֶוען עֶר וֶועט אַן אַנְדֶערְס מָאל יָא דַאוֶוענֶען מִיט דְּבֵקוּת אַזוֹי וְוִי מְ'דַארְף וֶועלְן דֶעמָאלְט אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי תְּפִלָּה וָואס אִיז יָא גֶעדַאוְונְט גֶעוָוארְן וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין."

טַייטְשׁ דֶער רֶבִּי: "וָאֶתְחַנַּן אֶל הַשֵּׁם תָּמִיד, אִיךְ דַאוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעמָאל, סַיי צוּ אִיךְ הָאבּ דְּבֵקוּת, סַיי אָן דְּבֵקוּת. בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר, אִין יֶענֶע צַייט וֶוען אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען מִיט דְּבֵקוּת - דָאס מֵיינְט אַז מַיין תְּפִלָּה וֶועט זַיין מְסֻדָּר אוּן פְּלִיסִיג אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן מַיין מוֹיל, וַוייל אִיךְ וֶועל דֶעמָאלְט דַאוֶוענֶען מִיט אַ דְּבֵקוּת מִיט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן אַרוֹיפְגֵיין אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט בִּיז הַיינְט, [אֲפִילוּ דִי תְּפִלּוֹת וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אָן דְּבֵקוּת] כַּנַּ"ל.

צו לערנען די לשון פון רבי'ן קוק אין זייט 11

המשך אויף זייט 11

# "רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין לוּבְּלִין"

*המשך פון פאריגע וואך פון ר' בירך רובינזאן ע"ה*

מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אַלֶע יָארְן זֶענֶען מִיר נִישְׁט צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען אִין לוּבְּלִין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֵיינְצֶעלְנֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעפָארְן, פַארְוָואס? וַוייל מֶען הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט אוּן גֶעהַאט אַן אֱמוּנָה אַז מֶען וֶועט קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, אוּן זִיךְ מִשְׁתַּטֵחַ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי'ן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אָבֶּער דֶער בַּעַל דָּבָר הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט פָארְן.

אַסַאךְ יָארְן זֶענֶען מֶענְטְשְׁן גֶעפָארְן צוּם גְרֶענִיץ אוּן גֶעוַוארְט דָארְט וָואכְן, מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אֶפְשָׁר וֶועט מֶען קֶענֶען אַרִיבֶּער שְׁוֶוערְצְן דֶעם גְרֶענִיץ, מֶען הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען ל"ע אַן אוּמְגְלִיק בַּיים גְרֶענִיץ, עֶפֶּעס אַ בָּחוּר אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען, אוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעמַאכְט כִּמְעַט אַן אִסוּר אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרִיבֶּערְכַאפְּן דֶעם גְרֶענִיץ, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט קֶענֶען פָארְן אִיז גוּט.

וָואס הָאט מֶען גֶעטוּן?! הָאט מֶען בַּאשְׁלָאסְן אַז אַלֶע חֲסִידִים וֶועלְן זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין לוּבְּלִין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה! אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאךְ אֵיין יָאר פַאר דֶעם, אִיךְ בִּין אַלֵיין גֶעפָארְן. אֵיין יָאר בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין וַוארְשָׁא, אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט מֹשֶׁה'לֶע אוֹסְטְרוֹבְצֶער, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען דִי גַּבָּאִים פוּן שְׁטִיבְּל פוּן אוֹסְטְרוֹבְצָא, הָאבְּן מִיר אַלֶעס צוּגֶעגְרֵייט, אַלֶעס!

מֶען הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט הָאבְּן אַבִּיסְל הִתְחַדְשׁוּת, הָאט מֶען גֶעוָואלְט פָארְן קַיין וַוארְשָׁא, דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער קִבּוּץ, אוּן מֶען הָאט טַאקֶע הֲנָאָה גֶעהַאט! עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ פַארְצֵיילְן פוּן דָארְט. אַ יָאר צְוֵויי שְׁפֶּעטֶער בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין לוּבְּלִין, נַאכֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן - דַאכְט זִיךְ מִיר ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער אִיז גֶעוֶוען אוּן נָאךְ עֶטְלִיכֶע פוּן דִי חָשׁוּבֶ'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן צוּם גְרֶענִיץ אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּער גֵיין.




בנין הישיבה אין לובלין

מֶען הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת, אַ גְרוֹיסֶע הִתְלַהֲבוּת אִין לוּבְּלִין, הָאט מֶען דֶעמָאלְט אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט אַז אַלֶע 'אִישׁ לֹא יֵעָדֵר' זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין לוּבְּלִין! דָארְטְן זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע צוּזַאמֶען אוּן מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן חוֹזֶה! דֶער חוֹזֶה הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַ נָאנְטְשַׁאפְט מִיטְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַן הַסְכָּמָה אוֹיפְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וֶועט מֶען דָארְט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן זִיךְ מִשְׁתַּטֵחַ זַיין אוֹיף זַיין צִיּוּן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען.

# אַ בְּרֶסְלֶבֶע דְרוּקוּ!!



אַ גוּטְן טַייעֶרע לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.

מוֹישִׁי, מַאךְ זִיךְ גְרֵייט, מֶען גֵייט פָּארְן קַיין מִירוֹן.

אַזוֹי הָאט אוּנְזֶער חַבֶר מוֹישִׁי גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן זַיין אוֹיטָא אוּנְטֶערְן שְׁטוּב, מַאכְנְדִיג דִי לֶעצְטֶע הֲכָנוֹת אַרוֹיסְצוּפָארְן צוּם צִיּוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא ר׳ שִׁמְעוֹן.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ הִיבְּשֶׁע אִיבֶּערַראשׁוּנְג פַאר מוֹיְשִׁי, עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג גֶעוָואלְט פָּארְן צוּם צִיּוּן פוּן ר׳ שִׁמְעוֹן, אוּן עֶנְדְלִיךְ וֶוערְן זַיינֶע רְצוֹנוֹת מְקֻיָּם, עֶר הָאט גֶעוָואלְט דָארְטְן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אוּן אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר דֶער נַייעֶר זְמַן וָואס גֵייט זִיךְ אָט אָט אָנְהֵייבְּן.

אָנְקוּמֶענְדִיג דָארְט, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד בַּיי אַ טִישׁ. אוֹיפְן טִישְׁל אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעלֵייגְט אַלֶע עֶרְלֵיי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי׳ס גְרוֹיסֶע, קְלֵיינֶע, קָאלִירְטֶע, אַ גְרוֹיסֶער אוֹיסְוַואל. דֶער אִיד מַאכְט דָארְטְן הֲפָצָה, פַּארְקוֹיפְנְדִיג דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי׳ס פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן.

אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין מְעָרָה זֶענֶען דָארְט אוֹיךְ אַלֶע שַׁאפֶעס גֶעוֶוען אָנְגֶעפּוּלְט מִיט אָט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי׳ס, אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַלֶע צִימֶערְן, אוּן וואוּ נִישְׁט.

כִּמְעַט דֶער זֶעלְבֶּער עֶרְשַׁיינוּנְג אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט יַעְנְקִי, מוֹישִׁי׳ס חַבֶר פוּן בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֵדֶר, וָואס אִיז גֶעפָארְן קַיין טְבֶרְיָה, וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אוֹיךְ גֶעזֶען גֶעוָוארְן דוּרְךְ חַיִּים וָואס אִיז גֶעפָארְן אִין צְפַת צוּם אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ, אוּן אֲפִילוּ יוֹסִי וָואס הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים רִיבְנִיצֶער רֶבִּינְ׳ס קֶבֶר אִין מָאנְסִי הָאט אוֹיךְ דָארְט גֶעטְרָאפְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

בְּקִצּוּר, וואוּ מֶען גֵייט נָאר, אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער זֶעט מֶען דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. וֶוען אִימֶער אוּן וואוּ אִימֶער אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ קֶען עֶר נֶעמֶען אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִין הַאנְט אוּן זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע קַאפִּיטְלֶעךְ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תִּיקּוּן.

קִינְדֶער, מֵיינְט אִיר אַז אַמָאל אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גֶעוֶוען? אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעשְׁפְּרֵייט וִוי הַיינְט?

אֶט הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט אִין אוּמַאן, מִיט אַ אִידִישׁ קִינְד וָואס הָאט דָארְטְן גֶעווּאוֹינְט אִין יָאר תקפ״א, פַאר אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק.

פַּייוִוישׁ, אִיז גֶעוֶוען אַ אִידִישׁ אִינְגְל

המשך אויף קומענדיגע זייט

וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן זֵייעֶר
אַ וַוייטֶע וֶועג צוּ גֵיין צוּפִיס צוּם צִיוּן.
זֵיי הָאבְּן פַּארְמָאגְט אַ קְלֵיין הַייזְקֶע,
אַפָּאר הִינֶער, אוּן אַ קְלֵיין שַׁאפֶע מִיט
גֶעצֵיילְטֶע סְפָרִים.

אוּנְזֶער פַּייוִויש, הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק
גֶעצוֹיגְן צוּם צִיוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ
זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעבְּן אַ קוּש דֶעם קֶבֶר. קַיין
גְרוֹיס לוּמְדוּת אוּן קְלוּגְשַׁאפְט
הָאט עֶר נִישְׁט פַּארְמָאגְט.
עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט זֵייעֶר
תְּמִימוּת'דִיג, עֶר הָאט
גֶעדַאוְונְט יֶעדְן טָאג. עֶר
הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעוואוּסְט
וָואס דֶער רֶבִּי – וָואס לִיגְט
דָארְטְן – הָאט גֶעזָאגְט, עֶר
הָאט נָאר גֶעוואוּסְט אַז
עֶס לִיגְט דָארְט אַ גְרוֹיסֶער
צַדִּיק, אוּן אַז מֶען דַארְף זַיין
פְרֵיילִיךְ.

אֵיין טָאג, הֶערְט עֶר עֶפֶּעס
ווִי זַיין טַאטֶע רֶעדְט מִיט
אֵיינֶעם, אוּן זֵיי רֶעדְן וֶועגְן
דֶעם צַדִּיק וָואס לִיגְט דָארְט
וַוייט, אוּן עֶפֶּעס וֶועגְן אַ תִּיקוּן הַכְּלָלִי.
פְרֶעגְט עֶר זַיין טַאטְן, וָואס מֵיינְט דָאס
תִּיקוּן הַכְּלָלִי? וָואס טוּט מֶען מִיט דֶעם?
אֶפְשָׁר אִיז עֶס עֶפֶּעס אַ עֶסְן?

הָאט אִים זַיין טַאטֶע מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז
דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זי"ע, הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער
תִּיקוּן וָואס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב צוּ זָאגְן,
בִּפְרָט אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה עֶס
צוּ זָאגְן בַּיי זַיין צִיוּן וֶועט דֶער רֶבִּי אִים
אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דָאס אִיז
צֶען קַאפִּיטְלֶעך פוּן תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט
אִים אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ.
תְּהִלִּים הָאט פַּייוִויש גְרַאדֶע גֶעוואוּסְט
וָואס דָאס אִיז, הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶעם
לַאנְגְן וֶועג צוּפִיס צוּם צִיוּן
מִיט זַיין תְּהִלִּים אִין הַאנְט
גְרֵייט צוּ זָאגְן דֶעם תִּיקוּן
הַכְּלָלִי.




אָנְקוּמֶענְדִיג, הָאט עֶר
מִיט גְרוֹיס אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג
גֶעעֶפֶנְט דֶעם תְּהִלִּים אוּן
גֶעוָואלְט אָנְהֵייבְּן זָאגְן.
אָבֶּער אֵיין מִינוּט! פוּן
גְרוֹיס גֶעלוֹיף אוּן טוּמְל
הָאט עֶר פַּארְגֶעסְן וֶועלְכֶע
קַאפִּיטְלֶעךְ זַיין טַאטֶע הָאט
אִים גֶעזָאגְט.

עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ
דֶערְמַאנֶען, אָבֶער... עֶס גֵייט נִישְׁט.
אַזוֹי שְׁטֵייט עֶר פַּארְטְרַאכְט אוּן בֶּעט
דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער!
הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זָאגְן
דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, אִיךְ זָאל זִיךְ עֶס
דֶערְמַאנֶען. עֶר מִישְׁט אִין תְּהִלִּים אַהֶער
אוּן אַהִין אָבֶּער עֶר ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ
זָאגְן. אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין. וֶוען
וֶועט עֶר נָאכְאַמָאל קֶענֶען מַאכְן דֶעם
לַאנְגְן וֶועג בִּיז אַהֶער? עֶר הָאט גֶעזָאגְט

המשך אויף קומענדיגע זייט

אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך פוּן תְּהִלִּים אוּן אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען.

(דִי מַעֲשֶׂה הָאט וִוירְקְלִיך פַּאסִירְט מִיט אַ אִיד. גֶעבִּיטְן פְּרָטִים.)

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, הָאט אִיר גֶעוואוּסְט אַז דֶער עֶרְשְׁטֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין יָאר תקפ"א? צֶען יָאר נָאכְן רֶבִּי'נְס פְּטִירָה. וֶוער הָאט עֶס גֶעדְרוּקְט אוּן וִויאַזוֹי?

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי: אִין יָאר תקע"ט הָאט ר' נָתָן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן אַן אֵייגֶענֶער דְרוּק בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב כְּדֵי אִיבֶּער צוּ דְרוּקְן פוּנְדָאסְנַיי דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים עֶס זָאל וֶוערְן גֶעדְרוּקְט שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער. עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעקֶעמְפְּט הָאבְּנְדִיג דֶערוֹיף אָן אַ שִׁיעוּר שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת.

מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס וואוּנְדֶערְלִיכֶע הִילְף, הָאט ר' נָתָן עֶנְדְלִיךְ אוֹיסְגֶעפִירְט זַיינֶע רְצוֹנוֹת. מֶשֶׁךְ דִי דְרַיי יָאר, פוּן תקע"ט בִּיז עֶנְדֶע תקפ"א, אִיז פַארְעֶנְדִיגְט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן, דֶער עֶרְשְׁטֶער חֵלֶק לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן דֶער צְווֵייטֶער חֵלֶק, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, מִיט שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים.

ר' נָתָן הָאט גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן נָאכְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי - דִי לַאנְגֶע תְּפִלָּה וָואס אִיז הַיינְט אַרַיינְגֶעדְרוּקְט אִינֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אָבֶּער עֶר הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶס דְרוּקְן, בִּכְלַל הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט גֶעדְרוּקְט קֵיין אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תְּפִלּוֹת אַלְס מוֹרָא פוּן דִי מִתְנַגְּדִים פוּן דְרוֹיסְן אוּן פוּן אִינֶעוֵוינִיג, וָואס אִיז אָבֶּער גֶעשֶׁען?!

זַיין זוּן ר' שַׁכְנָא הָאט גֶעדְרוּקְט אָן ר' נָתָנְ'ס וִויסְן דֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי מִיט דִי תְּפִלָּה, דֶער קוּנְטְרֵס אִיז אַרוֹיס אִין גַאס. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט טְעָנוֹת אוֹיף ר' נָתָן פַארְוָואס עֶר לֵייגְט צוּ צוּם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן בִּכְלַל אוֹיף דֶער עִנְיָן פוּן מַאכְן תְּפִלּוֹת אִיז גֶעוֶוען מִתְנַגְּדִים אוֹיף אִים.

ר' נָתָן הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה פוּן נָאכְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן וֶוער עֶס וִויל קֶען עֶס אוֹיךְ זָאגְן! לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז פוּן דֶעמָאלְט וֶוען ר' שַׁכְנָא הָאט גֶענוּמֶען דִי דְרֵייסְט צוּ דְרוּקְן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אַ תְּפִלָּה פוּן זַיין טַאטְן אִין דֶעם זְכוּת הָאבְּן מִיר הַיינְט דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיךְ דֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי וָואס אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אַזוֹיפִיל מָאל אוּן וֶועט נָאךְ גֶעדְרוּקְט וֶוערְן אָן אַ צָאל מָאל עַד אֵין קֵץ אַז אַלֶע אִידְן, וואוּ אִימֶער עֶר זָאל זִיךְ נָאר גֶעפִינֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך אוּן דֶערְבֵּיי זוֹכֶה זַיין צוּם גֶעוַואלְדִיגֶער תִּיקוּן. אוּן דָאס וֶועט זִיכֶער מְקָרֵב זַיין דִי גְּאוּלָּה.

קִינְדֶער, וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט בַּיי ר' נָתָן אִין דְרוּקֶעַריי? וֶוער הָאט פַארְמַאכְט אוּן פַארְזִיגְלְט ר' נָתָנְ'ס דְרוּק? אוּן פַארְוָואס?

לֵיינְט אי"ה קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

# ~ די זֶעקְסְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט




**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ** דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַ חָכָם. הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן צוּם חָכָם:

**בַּאֲשֶׁר סֶע** פַאר הַאנְדְן אַ מֶלֶךְ. וָואס עֶר חַתְמִעת זִיךְ. אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר אוּן אֵיין אִישׁ אֱמֶת אוּן **אֵיין עָנָיו.** (כְּלוֹמֶר אֵיין אֱמֶתִיר מֶענְשׁ אוּן הַאלְט פוּן זִיךְ נִישְׁט)

**אַ גִבּוֹר וֵויס אִיךְ.** אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער גִבּוֹר. וָוארִין אַרוּם זַיין מְדִינָה גֵייט דֶער יָם. אוּן אוֹיף דֶעם יָם. שְׁטֵייט חַיִל אוֹיף שִׁיפִין מִיט הוֹרְמַאטִיס אוּן לָאזְן נִיט צוּ טְרֶעטִין. אוּן פוּן דֶעם יָם אִינֶעוֵוינִיק. אִיז פַאר הַאנְדְן אַ גְרוֹיסֶער זוּמְפּ אַרוּם דֶער מְדִינָה. וָואס סֶע אִיז דָארְטֶען מֶער נִיט דָא נָאר אַ קְלֵיין וֶועגִיל. וָואס סֶע קֶען דָארְט נִיט גֵיין נָאר אֵיין מֶענְטְשׁ,

**אוּן דָארְטִין** שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ הוֹרְמַאטִין. אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט מִלְחָמָה הַאלְטִין שִׁיסְט מֶען מִיט דִי הוֹרְמַאטִיס. קֶאן מֶען אַהִין נִיט צוּ טְרֶעטִין.

**נָאר דָאס** וָואס עֶר חַתְמִי'ט זִיךְ אַז עֶר אִיז **אֵיין אִישׁ אֱמֶת אוּן אֵיין עָנָיו.** דָאס וֵוייס אִיךְ נִיט. אוּן אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט מִיט בְּרֶענְגְען דֶעם פַּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהַאט אַלֶע פָּאטְרֶעטִין פוּן אַלֶע מְלָכִים. אוּן דֶער פָּאטְרֶעט פוּן דֶעם מֶלֶךְ (דְהַיְינוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גִיחַתְמִי'ט כַּנַּ"ל) הָאט זִיךְ נִיט גִיפוּנֶען בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ.

**וָוארִין דֶער מֶלֶךְ** אִיז פַאר בָּארְגִין פוּן מֶענְשֶׁען. וָוארִין עֶר זִיצְט אוּנְטֶער אַ פִּירְהַאנְג. אוּן עֶר אִיז וַוייט פוּן דִי לַייט פוּן זַיין מְדִינָה.

דֶער מְדִינָה (כְּלוֹמֶר דִי זַאךְ פוּן דֶער מְדִינָה וִוי אַזוֹי דִי מְדִינָה פִּירְט זִיךְ)

**אוּן דוּרְךְ וָואס** קָאן עֶר וִויסְן דֶעם מְהוּת פוּן דֶער מְדִינָה. דַארְךְ דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער מְדִינָה. וָוארְן אַז מִיבַּאדַארְף וִויסְן אַ זַאךְ. מוּז מֶען וִויסְן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער זַאךְ.

**וָוארְן סֶע** פַאר הַאנְדְן כַּמָּה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער וִויל טַאקֶע יֶענֶעם טְרֶעפְן מִיט זַיינֶע רֵייד.

**אוּן אַז יֶענֶער** קוּקְט זִיךְ אַרוּם. זָאגְט עֶר אִים אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוֶועס

**אַזוֹי וִוי סֶע שְׁטֵייט אִין פָּסוּק** כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיּוֹרֶה זִיקִים וְכוּ' **וְאָמַר הֲלֹא מְצַחֵק אָנִי** (כְּלוֹמֶר אַזוֹי וִוי אֵיינֶער שִׁיסְט פַייְלְן אִין הַארְצְן אַרַיין. אוּן עֶר זָאגְט אִיךְ טְרַייבּ קַאטָאוְועס)

**אוּן אַזוֹי** אִיז פַאר הַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מֵיינְט טַאקֶע אוֹיף קַאטָאוֶועס. אוּן עֶר אִיז פָּארְט מַזִיק דֶעם אַנְדֶערְן מִיט זַיינֶע רֵייד.

**אוּן אַזוֹי** אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָּה אִירְלֵיי קַאטָאוֶועס. אוּן סֶע פַארְהַאנְדְן אִין אַלֶע מְדִינוֹת אֵיין מְדִינָה וָואס דִי מְדִינָה אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת. (כְּלוֹמֶר דִי מְדִינָה אִיז דֶער עִיקָר אוּן דֶער כְּלַל פוּן אַלֶע מְדִינוֹת)

**אוּן אִין דֶער מְדִינָה** אִיז פַאר הַאנְדְן אַ שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטֶעט פוּן גָאר דֶער מְדִינָה וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע מְדִינוֹת.

**אוּן אִין דֶער שְׁטָאט** אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיין שְׁטוּבּ וָואס זִי אִיז כּוֹלֵל אַלֶע שְׁטִיבֶּער פוּן דֶער גַאנְצֶע שְׁטָאט וָואס דִי שְׁטָאט אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**אוּן דָארְט אִין דֶער שְׁטוּבּ** אִיז פַארְהַאנְדְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז כּוֹלֵל גָאר דִי שְׁטוּבּ, וָואס דִי שְׁטוּבּ אִיז כּוֹלֵל וְכוּ' כַּנַּ"ל.

**אוּן דָארְט** אִיז פַארְהַאנְדְן אֵיינֶער וָואס עֶר מַאכְט גָאר דָאס לֵיצָנוּת אוּן דֶעם קַאטָאוֶועס פוּן דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה.

**הָאט דֶער חָכָם** מִיט זִיךְ גִינוּמֶען זַייעֶר אַסאךְ גֶעלְד. אוּן אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז מִימַאכְט דָארְט כַּמָּה אִירְלֵיי גִישְׁפֶּעט אוּן קַאטָאוֶועס

**הָאט עֶר פַּארְשְׁטַאנֶען** אִין דֶעם קַאטָאוֶועס אַז דִי מְדִינָה אִיז דוּרְךְ פּוּל מִיט שְׁקָרִים (דְהַיְינוּ לִיגְן) וָוארִין עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז מִמַאכְט גִישְׁפֶּעט. וִוי אַזוֹי מְנַארְט מֶענְטְשְׁן אִין מַשָּׂא וּמַתָּן.

**אוּן וִוי אַזוֹי** עֶר קוּמְט זִיךְ לָאדִין אִין מַאנִיסְטְרַאט. אוּן דָארְט אִיז דוּרְךְ לִיגְן. אוּן זֵיי נֶעמֶען שׂוֹחַד. גֵייט עֶר צוּם הֶעכֶערִין סָאנְד. אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ גָאר לִיגְן. אוּן זֵיי הָאבִּין אַלְץ גִימַאכְט גִישְׁפֶּעט אוֹיף קַאטָאוֶועס. אָן שְׁטֶעלִין פוּן דִי אַלֶע זַאכִין.

**הָאט דֶער חָכָם פַּארְשְׁטַאנֶען** אִין דֶעם קַאטָאוֶועס אַז דִי מְדִינָה אִיז פוּל מִיט לִיגְן אוּן מִיט רַמָּאוּת אוּן סֶע גָאר קֵיין שׁוּם אֱמֶת נִיט אִין דֶער מְדִינָה.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען** אוּן הָאט גִיהַאנְדְלְט אִין דֶער מְדִינָה. אוּן הָאט זִיךְ גִילָאזְט נַארִין אִין דֶעם מַשָּׂא וּמַתָּן. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען זִיךְ לָאדִין פַאר דִי סָאנְדִיס. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלֶע פוּל מִיט לִיגְן אוּן נֶעמֶען שׂוֹחַד. הַיינְט הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעבְּן שׂוֹחַד. מָארְגְן הָאבְּן זֵיי אִים נִיט גִיקֶענְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין הֶעכֶערִין סָאנְד אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ פוּל מִיט לִיגְן.

**בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען** פַאר דֶעם סֶענַאט. אוּן דָארְט אִיז אוֹיךְ דוּרְךְ לִיגְן אוּן שׂוֹחַד. **בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ אַלֵיין.**

**אַז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ.** הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט. אִיבֶּער וֶועמֶען בִּיסְטוּ אַ מֶלֶךְ. דִי מְדִינָה אִיז דוּךְ אִין גַאנְצְן פוּל מִיט לִיגְן דוּרְךְ. פוּן דֶעם אָנְהֵייב בִּיז אִין אוֹיסְלָאז. אוּן סֶע אִיז אִין אִיר קֵיין שׁוּם אֱמֶת נִיט דָא.

**אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבְּן** אוֹיס צוּ דֶערְצֵיילְן גָאר דָאס פַאלְטְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה.

**וִוי דֶער מֶלֶךְ** הָאט גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד. הָאט עֶר זִיךְ צוּ גִיבוֹיגְן זַיינֶע אוֹיעֶרִין צוּם פִּירְהַאנְג. עֶר זָאל הֶערִין זַיינֶע רֵייד.

**וָוארְן סֶע בַּיי דֶעם מֶלֶךְ** אַ גְרוֹיס וְוינְדֶער גִיוֶוען אַז סֶע זָאל זִיךְ גִיפִינֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר זָאל וִויסְן גָאר דָאס פַאלְטְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה.

**אוּן דִי שָׂרֵי מְלוּכָה** הָאבְּן גִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּן זֶענֶען אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אַלְץ וַוייטֶער דִי פַאלְשְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה.

**הָאט זִיךְ דֶער חָכָם אָנְגִירוּפְן.** מֶען וָואלְט גִיקֶענְט זָאגִין אַז דֶער מֶלֶךְ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי וִוי זֵיי אַז עֶר הָאט לִיבּ לִיגְן אַזוֹי וִוי דִי מְדִינָה. נָאר אַדְּרַבָּא פוּן דַאנֶעט זֶעהְט מֶען וִוי אַזוֹי דוּ בִּיסְט אֵיין אִישׁ אֱמֶת

**אוּן דֶעראִיבֶּער** בִּיסְטוּ וַוייט פוּן זֵיי **מַחְמַת דוּ קָאנְסְט נִיט סוֹבֵל זַיין דֶעם שֶׁקֶר פוּן דֶער מְדִינָה.**

**אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבְן** דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר זֵייעֶר צוּ לוֹיבְּן. אוּן דֶער מֶלֶךְ מַחְמַת עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו וּבִמְקוֹם גְדוּלָּתוֹ שָׁם עַנְוְתָנוּתוֹ.

**וָוארִין אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער** פוּן אֵיין עָנָיו. אַז וָואס מֶער מְלוֹיבְּט אִים אוּן מְגְרֵייסְט אִים. וֶוערְט עֶר אַלְץ קְלֶענֶער בַּיי זִיךְ אוּן מֶער עָנָיו אַלְץ.

**אוּן מַחְמַת** דֶער חָכָם הָאט זֵייעֶר גִילוֹיבְּט אוּן גִיגְרֵייסְט דֶעם מֶלֶךְ.

**אִיז דֶער מֶלֶךְ** אַרַיין גִיקוּמֶען אִין גְרוֹיס עֲנָוָה אוּן אִין זֵייעֶר קְלֵיינְקֵייט אַרַיין. **בִּיז עֶר אִיז גִיוָוארִין גָאר נִישְׁט.**

**הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט גִיקָאנְט** אֵיין הַאלְטִין אוּן הָאט אַ וָוארְף גִיטָאן דֶעם פִּירְהַאנְג. עֶר זָאל זֶעהְן דֶעם חָכָם. וֶוער אִיז דָאס וָואס עֶר וַוייסְט אוּן פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלְץ.

**אִיז אַנְפְּלֶעקְט גִיוָוארִין** דָאס פָּנִים פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט אִים דֶער חָכָם גִיזֶעהְן **הָאט עֶר אָפְּגִימָאלְט זַיין פַּאטְרֶעט.**

**אוּן הָאט גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ.**

הדפסת הגליון והפצת הגליון לזכות
אברהם בן חי' רחל להינצל מהצבא
השמד ולזכות לחיים טובים ארוכים
ולשלום, אמן

# וואס איז שבת נחמו?!

דער שַׁבָּת ווערט אָנְגערופְן שַׁבָּת נַחֲמוּ, ווייל אִין דִי הַפְטָרָה פוּן דִי וואךְ הֵייבְּט אָן דער נָבִיא - מִיט דעם בַּאפֶעל פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן - דִי ווערְטֶער "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי". ר' נָתָן אִיז מְפָרֵשׁ דעם פָּסוּק אוֹיף עֶטְלִיכֶע אוֹפַנִּים, מִיר ווֶעלְן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיין ווֶועג. דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט זִיךְ צוּ דִי אִידְן "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" מַיין טַייעֶר פָאלְק אִיךְ בֶּעט פוּן יֶעדְן בַּאזוּנְדֶער: "טְרֵייסְט דַיין חָבֵר, דַיינֶע פְרַיינְד

און אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְן דִי חֲבֵרִים אוֹיף צוּרִיק עֶנְק טְרֵייסְטְן, ווייל יֶעדֶע אֵיינֶער דַארְף בַּאקוּמֶען פוּן זַיין חָבֵר עֵצוֹת און דַעַת ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף יֶעדֶער אִיד אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זַיינֶע חֲבֵרִים ווִיאַזוֹי צוּ דִינֶען דעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט דִי לִמּוּדִים וואס דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

שַׁבָּת נַחֲמוּ אִיז גֶעווֶען אֵיינֶע פוּן דִי דְרַיי שַׁבָּתִים ווען מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צוּנוֹיפְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דעם לֶעצְטְן שַׁבָּת שַׁבָּת נַחֲמוּ פוּן רֶבִּי'נְס לֶעבְּן, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דער רֶבִּי הָאט שׁוֹין דַאן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, דָאס אִיז גֶעווֶען צְווֵיי חֲדָשִׁים אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת, דער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעווֶען גָאר שְׁווַאךְ. פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס נָאכְדֶעם וואס דער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט קִדּוּשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס שְׁוואכְקֵייט: "פַארְוואס זֶענְט אִיר גֶעקוּמֶען צוּ מִיר? אִיךְ בִּין אִיצְטֶער אַ פְּרָאסְטִיק! אִיךְ ווֵייס נִישְׁט און אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט!" אַזוֹי הָאט דער רֶבִּי מַמְשִׁיךְ גֶעווֶען מִיט נָאךְ אַזֶעלְכֶע רֵייד און אִיז אַרַיין אִין אַן אִינְטֶערְסַאנְטֶע שְׁמוּעֶס.

ווִי ס'אִיז בַּאקַאנְט אַז דער חִיוּת וואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט אִיז נָאר פוּן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צַייטְן ווען עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּרוּעֶן צוּ עֶסְן, שְׁלָאפְן, פַּרְנָסָה און נָאךְ פְּרִיוואטֶע גֶעבְּרוֹיכְן, ווִיאַזוֹי קֶען דֶעמָאלְטְס דער מֶענְטְשׁ הָאבְּן חִיּוּת - אַ לֶעבְּנְס קְרַאפְט - אוֹיבּ עֶר



אִיז דֶעמָאלְט אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן דִי תּוֹרָה? אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַלֶע דוֹרוֹת פוּן אָדָם הָרִאשׁוֹן בִּיז דִי דוֹר ווען מְ'הָאט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה ווִיאַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעלֶעבְּט? דער רֶבִּי אִיז דָארְט מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת (תּוֹרָה ע"ח תִּנְיָנָא) אַ תִּירוּץ.

אִינְמִיטְן דִי שְׁמוּעֶס הָאט דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ גֶעשְׁרֵיי פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הָאַרְץ: " גִּיוַואלְד זַייט אַייךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, קֵיין יֵאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאנְדְן!" ווען דער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דָאס ווָארְט גִּיוַואלְד, הָאט עֶר דָאס זַייעֶר אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אוֹיסְצוּשְׁרַייעֶן פַאר אוּנְז אַלֶע און אוֹיף דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי אִין דעם צַייט וואס מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט ווייסְט מֶען נִישְׁט קְלָאר וואס און ווִי אַזוֹי עֶס ווֶעט זַיין מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער ווַארְט אוֹיף דִי תְּפִלּוֹת פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער און גְלוֹיבְּט זַייעֶר צוּהֶערְן דָאס קוֹל פוּן דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

עֶס שְׁטֵייט טַאקֶע אִין הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי הַפְטָרָה "הַנּוֹתֵן רוֹזְנִים לְאָיִן שֹׁפְטֵי אֶרֶץ כַּתֹּהוּ עָשָׂה (יְשַׁעְיָהוּ מ, כג) - דער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער קֶען מַאכְן פוּן אַלֶע פְּרֶעזִידֶענְטְן און אַלֶע גְרוֹיסֶע שָׂרִים און הַארְן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער! דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט ווֶעלְט אִיז גֶעווָאנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מִיר הָאבְּן אַ גֶעוואלְדִיגֶע זְכִיָּה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן וואס גֶעבְּט אוּנְז פוּל חִיּוּת און עֵצוֹת אִין עֲבוֹדַת ה', אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ.

אַשְׁרֵינוּ וואס יֶעדֶער פוּן אוּנְז בַּאזוּנְדֶער הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַתָּנוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אַזַא שֵׁיינֶע מַתָּנָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דִי צוּקֶערְדִיגֶע עֵצָה פוּן זוּכְן אוּנְזֶערֶע "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" און פוּן "בַּצַּר הִרְחַבְתָּ לִי". מִיר הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעווֶען צוּ אַזוֹיפִיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה'ס אִין אוּמַאן מִיט דִי אַלֶע תִּקּוּנִים וואס דער רֶבִּי קֶען גֶעבְּן נָאר אִין דעם הֵיילִיגְן טָאג.

יֶעצְט ווַארְט מֶען פוּן אוּנְז מִיר זָאלְן בֶּענְקֶען, ווֶעלְן און הָאפְן מִיט אֱמוּנָה און מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אוּנְזֶער

טאטְן אַז אַלֶע אִידְן זאלְן קֶענֶען פָארְן צוּם הֵיילִיגְן קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הבעל"ט, מֶען קֶען זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים דָאס מַאכְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע נַחַת רוּחַ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען תקט"ו- פִּינְף הוּנְדֶערְט מִיט פּוּפְצְן - תְּפִלּוֹת צוּ קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "רַב לָךְ אַל תּוֹסֶף, גֶענוּג!" טָאמֶער אָבֶּער וָואלְט אַן אַנְדֶערֶע אִיד מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - אֲפִילוּ גַאנְץ אַ פָּשׁוּטֶער אִיד - וָואלְט דֶער אִיד גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאל יָא קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל שׁוֹין נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן (ליקוה"ל נט"י ו' פ"ח)

## די זעקסטע מעשה - א מלך עניו

**א. וויאזוי האט זיך דער מלך גע'חתמ'עט?**
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עניו
- ☐ אז ער איז א גרויסער גבור און א איש אמת און א עושר

**ב. וועלכע זאך פון די חתימה האט דער מלך געזאגט פאר דעם חכם אז ער ווייסט עס נישט?**
- ☐ אז ער איז א איש אמת און א עניו
- ☐ א אז ער איז א גרויסער גבור
- ☐ אז ער איז א איש אמת

**ג. וואס בעט דער מלך פון דעם חכם, ער זאל אים ברענגען?**
- ☐ א בריוו פון דעם מלך
- ☐ דעם פאטרעט פון דעם מלך
- ☐ איינע פון די שרים פון דעם מלך

**ד. האט דער מלך געהאט דעם פאטרעט פון אלע מלכים?**
- ☐ ער האט געהאט אלע פאטרעטן
- ☐ ער האט נישט געהאט קיין איין פטרעט
- ☐ ער האט געהאט אלע פאטרעטן חוץ פון דעם פאטרעט פון דער מלך וואס האט זיך אזוי גע'חתמ'עט

**ה. וואס איז מיט דעם מלך?**
- ☐ ער זיצט אונטער א פאראהאנג
- ☐ ער איז ווייט פון די לייט פון זיין מדינה
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. דורך וואס קען דער חכם וויסן די מהות פון די מדינה?**
- ☐ דורך די קאטאוועס פון דער מדינה
- ☐ דורך די שרים פון די מדינה
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט דער חכם גענומען מיט זיך?**
- ☐ א משרת
- ☐ זייער אסאך געלט
- ☐ די פאטרעט פון אלע מלכים

**ח. וואס האט דער חכם פארשטאנען אויף יענע מדינה?**
- ☐ אז די מדינה איז פול מיט גאוה
- ☐ אז די מדינה איז פול מיט צדיקים
- ☐ אז די מדינה איז פיל מיט שקרים

**ט. וואס האט ער געזען ביי די געשפעטס?**
- ☐ וויאזוי מנארט מענטשן איז משא ומתן
- ☐ ווי די מאניסטראט און אויף די העכרע סאנד איז דורך ליגן
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט דער חכם געטון אין דער מדינה?**
- ☐ ער האט זיי גע'מוס'רט
- ☐ ער האט געהאנדלט און זיך געלאזט נארן
- ☐ ער האט געהאנדלט און זיך נישט געלאזט נארן

**יא. וואו איז דער חכם אנגעקומען ביים סוף?**
- ☐ צו די סאנדים
- ☐ צו דער משנה למלך
- ☐ צום מלך אליין

**יב. וואס האט דער חכם פארציילט פאר דעם מלך**
- ☐ די פאלשקייט פון די מדינה
- ☐ די גאוה פון די מדינה
- ☐ די אמת פון די מדינה

**יג. וואס האט דער מלך געטון ווען דער חכם האט דאס געזאגט?**
- ☐ גארנישט
- ☐ ער האט זיך צוגעבויגן זיינע אויערן צום פאראהאנג
- ☐ ער האט גלייך אראפ געווארפן דעם פאראהאנג צו זען דעם חכם

**יד. זענען די שרי מלוכה געווען ברוגז אויפן חכם ווען ער האט גערעדט?**
- ☐ זיי זענען געווען זייער ברוגז
- ☐ זיי זענען געווען אביסל ברוגז
- ☐ זיי האבן זיך געפרייט

**טו. וואס האט דער חכם געזאגט וויאזוי ווייסט ער אז דער מלך איז א איש אמת?**
- ☐ ווייל דעריבער איז ער ווייט פון דער מדינה
- ☐ פון די ענטפער וואס דער מלך האט אים געענטפערט
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער מלך געטון?**
- ☐ ער האט געקוקט פון די זייט פון פאראהאנג צו זען דעם חכם
- ☐ ער האט געלייגט נאך א פאראהאנג אז דער חכם זאל אים נישט זען
- ☐ ער האט א ווארף געטון דעם פאראהאנג ער זאל זען דעם חכם

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

שְׁלֶעפְּט זִיךְ אַן אַלְטֶער אִיד אוֹיף דִי וֶועגְן...

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶען גָאר אַן אַלְטְן מֶענְטְשׁ, לָאמִיר זָאגְן, אַ צְוֵויי אוּן נַיינְצִיג יֶערִיגֶער, זָאל פָארְן אוֹיף אַן עֶרָאפְּלַאן אָדֶער אוֹיף אַ בָּאס?! רֶבִּי אֶפְרַיִם דֶער זוּן פוּן ר׳ נַפְתָּלִי אִיז גֶעוֶוען אַ אַלְטֶער אִיד אִין דִי נַיינְצִיגֶער יָארְן. אָבֶער אֲפִילוּ אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר אַלֶע יָארְן פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.



אִין יֶענֶע צַייט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא פְּשׁוּטֶ׳ע זַאךְ צוּ פָארְן אוֹיף אַזַא נְסִיעָה.

פְלֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִים פְרֶעגְן מִיט וואוּנְדֶער: "אַזַא אַלְטֶער אִיד פָארְט אַרוֹיס פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?! אַזַא אַלְטֶער אִיד"?!

זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז עֶר פָארְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ פָּאר רוּבָּל, אִיךְ פָּאר צוּ מַאכְן גֶעלְט!"

הָא! דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַאר זֵיי אַ גוּטֶער תֵּירוּץ, אַז עֶר פַארְלָאזְט זַיין שְׁטוּב אִין אַזַא עֶלְטֶער פַאר אַ פָּאר רוּבָּל מֶעג מֶען!! אָבֶער קִינְדֶער מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן פַאר גֶעלְט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן פַארְדֶעם, פַארְקֶערְט - עֶר פְלֶעגְט פַארְטֵיילְן פַאר צְדָקָה אַלֶע גֶעלְט וָואס זַיינֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן אִים שִׁיקְן פוּן אוּמַאן. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיף אַ שִׁיף אוּן זִיצְן דָארְט עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּלִיבּ אַפָּאר דָאלַאר!!

נָאר פַארְוָואס אִיז עֶר טַאקֶע אַרוֹיף אוֹיפְן שִׁיף אוּן גֶעפָארְן אַזוֹי לַאנְג אוּן דֶערְנָאךְ גֶענוּמֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן?!

נָאר כְּדֵי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳נס צִיּוּן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

וֶוען אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֶפְרַיִם פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן לִיגְן אוּנְטֶער אַ פַּארְקְן (אַ צוֹים) אַבִּי אִיךְ

זָאל פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה״ ! !

אָבֶער אֶפְשָׁר וֶועט עֶר חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט דֶערְלֶעבְן, טָאמֶער וֶועט עֶר נִפְטָר וֶוערְן אִינְמִיטְן וֶועג ? !

ר׳ אֶפְרַיִם אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ וֶוערְן בַּאעֶרְדִיגְט עֶרְגֶעץ וואו אִינְמִיטְן וֶועג אַבִי צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס פַּארְלַאנְגְט מֶען פוּן אוּנְז ? ! מִיר קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ אַבִיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן אֲוֶועקְגֶעבְן אַפָּאר מִינוּט אַ טָאג צוּ דַאנְקְן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אַסאךְ קִינְדֶער הָאבְן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן הָאבְן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַ גַאנְץ יָאר, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל מִיר זָאלְן הָאבְן אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן אֱמוּנָה אִינֶעם צַדִיק אוּן גְלֵייבְן אַז מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן מִיט שָׁלוֹם אוּן רוּאִיגְקֵייט אוּן קֶענֶען קְרוֹינֶען דָארְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ צוּזַאמֶען מִיט אַהֲבָה וְשָׁלוֹם.



**וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר:** דְּהִנֵּה הָאָדָם צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אַךְ אִם לִפְעָמִים יֵשׁ עֵת, שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת אַל יֹאמַר אֵינִי מִתְפַּלֵּל כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְכַוֵּן כָּרָאוּי וּלְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת, וְהַתְּפִלָּה אֵינָהּ מְקֻבֶּלֶת, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דּוֹסָא שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל כוּ׳ אָמְרוּ לוֹ וְכוּ׳ אָמַר לָהֶם אִם שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי יוֹדֵעַ אֲנִי שֶׁהוּא מְקֻבָּל וְאִם לָאו יוֹדֵעַ וְכוּ׳

וְזֶהוּ עַל דֶּרֶךְ שֶׁאָמַרְנוּ, אִם בִּדְבֵקוּת, שֶׁאֲזַי הַתְּפִלָּה שְׁגוּרָה וּמְרֻצָּה בְּפִיו, מְקֻבֶּלֶת וְאִם לָאו, חַס וְשָׁלוֹם, לְהֵפֶךְ אַף עַל פִּי כֵן אַל יֹאמַר הָאָדָם כֵּן, אֶלָּא יִתְפַּלֵּל תָּמִיד וְאִם לֹא יוּכַל לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת כָּרָאוּי יִתְפַּלֵּל בְּכָל כֹּחוֹ כִּי בְּעֵת שֶׁיִּתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת כָּרָאוּי, אֲזַי יַעֲלֶה כָּל הַתְּפִלּוֹת עִם הַתְּפִלָּה הַהִיא שֶׁהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי

וְזֶה: וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ תָּמִיד, בֵּין בִּדְבֵקוּת בֵּין שֶׁלֹּא בִּדְבֵקוּת בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר, הַיְנוּ בְּעֵת שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת שְׁגוּרָה תְּפִלָּתִי בְּפִי וְהַיְנוּ בָּעֵת הַהוּא לֵאמֹר, שֶׁהַדְּבָרִים נֶאֱמָרִים וּמְרֻצִּים בְּפִיו מֵחֲמַת שֶׁמִּתְפַּלֵּל בִּדְבֵקוּת, אָז יַעֲלֶה כָּל הַתְּפִלּוֹת שֶׁהִתְפַּלֵּל עַד עַתָּה כַּנַּ״ל:

(תורה צ״ט)

בעזהשי"ת



צו אלע טייערע

# ברסלב'ער! אינגלעך

וועלכע קינדער?
ווען?
וואו?

די מודעה איז פאר אלע קינדער וועלכע וואוינען אין וויליאמסבורג, בארא פארק, מאנסי, קרית יואל, בלומינבערג, לעיקוואד, מאונטעינס, דשערזי סיטי, מאנטריאל, קרית טאהש, לאנדאן, מאנטשעסטער, אנטווערפן.

**ווארט מיט שפאנונג**
**אויף נאכפאלגנדע**
**פרטים בעזר השם**

מיטן אויבערשטנ'ס הילף האבן מיר
א פריילעכע בשורה פאר ענק!